ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 57

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## דער וואס וויל נישט ליידן אביסל, ליידט אסאך

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר.

אויף די וועלט דארף מען האבן אסאך סבלנות, יעדער איינער גייט אריבער וואס ער גייט אריבער, מען דארף אייזערנע געדולד נישט אויפצוגעבן, נישט ווערן אויפגערעגט וכו' וכו'. דער רבי דערציילט, ווען ער איז געווען א קליין קינד און זיין מאמע די צדיקת פיגא האט געקעמט זיינע האר, עס האט אים וויי געטון, ער האט געוואלט שרייען אזוי ווי די סדר ביי קינדער וואס שרייען און וויינען ווען מען קעמט זיי די האר, דער רבי האט אבער נישט געשריגן, דער רבי האט געזאגט: **"איך האב שוין דעמאלט פארשטאנען אז אויף די וועלט דארף מען ליידן".**

אז דו וועסט אריינעמען אמונה אין דיר וועט דיר אלעס גיין גרינגער. דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קצד): "אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים, אַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵטִיב עִמָּנוּ", נאך אלע יסורים וואס גייט אריבער אויפן מענטש געבט דער אייבערשטער אויך אסאך גוטע זאכן, "רַק שֶׁאֵין אָנוּ רוֹצִים לְהַקְטִין אֶת הַיִּסּוּרִים", נאר דער מענטש אליין וויל זיך נישט גרינגער מאכן מיטן אויפזוכן דאס גוטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים. אפילו מען גייט אריבער באמת שווערע ביטערע יסורים.

### אלע יסורים איז גארנישט אנטקעגן דעם

"אֲבָל נֶגֶד דְּבֵקוּת אֶחָד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַה שֶּׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁל דְּבֵקוּת בְּמַחֲשָׁבָה אוֹ בִּבְחִינָה אַחֶרֶת", אבער ווען דער מענטש ווערט נענטער דורכדעם צום אייבערשטן, ער הויבט אן לעבן מיטן אייבערשטן, "כָּל הַיִּסּוּרִים אֵינָם כְּלוּם נֶגֶד זֶה", איז אלע יסורים גארנישט אנטקעגן דעם, "וְעַל יָדָם בְּעַצְמָם מִתְקָרְבִים וּמִתְדַּבְּקִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", ווייל דורכדעם ווערט א מענטש נענטער צום אייבערשטן. "כִּי נוֹטְלִין מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת גּוּפִי, מִי נוֹטֵל מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם כֵּן אֲנִי נִדְבָּק בּוֹ יִתְבָּרַךְ", מען הויבט אן פארשטיין 'ווער מאכט מיר די אלע ווייטאג? ווער נעמט מיר אוועק מיין געזונט? דער אייבערשטער אליין ברענגט מיר דאך די יסורים, אויב אזוי ווער איך נענטער צו אים'. "וְכֵן כְּשֶׁלּוֹקֵחַ חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה בֵּן, מִי לוֹקֵחַ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עַתָּה הוּא סָמוּךְ יוֹתֵר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בָּעוֹלָם הַבָּא סְמוּכִין יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אויב חס ושלום מען פארלירט א קינד און מען הויבט אן פארשטיין 'ווער האט דאס מיר אוועק גענומען? דער אייבערשטער, אויב אזוי ווער איך דאך נענטער צו אים', עיין שם.

מוהרא"ש זאגט, דער וואס וויל נישט ליידן אביסל - ליידט אסאך, און דער וואס בייגט איין דעם קאפ פארן אייבערשטן, ער איז גרייט צו ליידן דאס ביסל, און אז מען פארשעמט אים איז ער דאס מקבל באהבה - ליידט מען נישט.

### מאך דיר א סדר אין ש"ס

איך וויל דיך נאכאמאל מחזק זיין זאלסט יעדן טאג לערנען גמרא. לערן א בלאט גמרא, אז דו קענסט גיין מיטן טעגליכן בלאט - איז גוט, און אז דו פאלסט ארויס און דו שפירסט ווי דו קענסט נישט גיין די וועג מיט גיין יעדן טאג א בלאט - זאלסטו זיך מאכן דיין אייגענע סדר אין ש"ס; הויב אן מסכת ברכות, לערן א בלאט נאך א בלאט יעדן טאג, דאס וועט מכפר זיין אויף אלע דיינע חטאים.

### דאס איז נאך מער פון אלע סיגופים

היינט איז די יארצייט פון הרב הקדוש רבי בנציון פון באבוב זכותו יגן עלינו. מוהרא"ש דערציילט, ער פלעגט זאגן פאר זיינע תלמידים: **"אויב וועל איך ענק זאגן צו פאסטן און צו מאכן סיגופים, עבודות קשות - וואלט איר מיך געגלייבט אז דאס איז מתקן דעם מענטש פון אלע חטאים, און אז איך זאג ענק איר זאלט לערנען א בלאט גמרא - דאס גלייבט איר נישט אז דאס איז מתקן דעם מענטש, עס זעט אויס צו פשוט"**; ער האט זיי געזאגט אז דאס איז נאך מער מתקן פון אלע סיגופים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי קען מען זאגן "ניין" פאר א מענטש?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב א פראבלעם אז איך קען נישט זאגן "ניין" פאר א מענטש. למשל ווען א חבר בעט מיר ארויסצוגיין עסן מיט אים, אדער אויב איינער וויל בארגן געלט פון מיר, אדער ביי אנדערע פעלער, ווען ס'קומט צו זאכן וואס איך וויל באמת נישט טון, וועל איך עס אבער יא טון ווי איידער צו זאגן ניין פאר יענעם. האט דער ראש ישיבה שליט"א אן עצה אויף דעם?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת יתרו, י"ט שבט, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

געב זיך זייער אכטונג זאלסט זיך נישט פארפלאנטערן דיין לעבן מיט מענטשן; מוהרא"ש האט געהאלטן אין איין חזר'ן מיט אונז דורכאויס אלע יארן: **"א מענטש האט נישט קיינעם אויף די וועלט, אויב האט ער יא איינעם איז עס די ווייב"**; אז חברים רופן דיר עסן מיט זיי, פארן מיט זיי, גיין און קומען וכו', - זאלסטו זיך ארויסדרייען מיט חכמה און נאר גיין מיט דיין ווייב, אז דוווילסט אוועק פארן זיך אפרוען פאר מיט דיין ווייב; פארן אויף וויקעישן מיט חברים און איבער לאזן די ווייב אין שטוב - איז נישט די וועג.

**מען דארף זיך אכטונג געבן פון מענטשן**

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט זיך בעטן ביי אונז: "איך בעט אייך, גלייבט מיר, איך האב דאס שוין געזען און געלערנט אויף מיין בארד, מען דארף זיך אכטונג געבן פון מענטשן וכו'".

אפגערעדט פון בארגן געלט און נוצן דיין נאמען וכו' וכו'; מען דארף זייער אכטונג געבן פון מענטשן וואס בארגן און באצאלן נישט, מען דארף זיך ארויסדרייען מיט חכמה.

**דער וואס וויל נישט ליידן אביסל - ליידט אסאך, און דער וואס בייגט איין דעם קאפ פארן אייבערשטן, ער איז גרייט צו ליידן דאס ביסל, און אז מען פארשעמט אים איז ער דאס מקבל באהבה - ליידט מען נישט.**

**נישט לאזן אריין קריכן אין דיין פריוואטע לעבן**

איינער וואס איז דיר מחזק אויף עבודת השם, ער געבט דיר עצות פאר'ן לעבן - מיט אים איז גוט זיך צו חבר'ן, אבער אויך מיט א מאס, מיט א גרעניץ, אז יענער הויבט אן אריין קריכן אין דיין פריוואטע לעבן, דארפסטו האבן שכל זיך נישט צו לאזן אריין קריכן אין דיין פריוואטע לעבן. עס זענען דא מענטשן וואס העלפן אנדערע און בשעת מעשה ווען יענער איז זייער ווארעם זעענדיג ווי מען העלפט אים וכו', וכו', געבן זיי א זעקל אויס דעם מענטש, מען בארגט כלומר'יש אסאך געלט און מיט דעם ענדיגט זיך דער סיפור, השם ישמרינו.

**די קטנות וואס רופט זיך 'חברים'**

פארוואס גיין עסן מיט חברים? עס מיט דיין משפחה, עס מיט דיין ווייב; גיי ארויס פון דיין קטנות הדעת, פון די קטנות וואס רופט זיך 'חברים'. בעט דעם אייבערשטן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רבונו של עולם געב מיר א גוטע עצה איך זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, איך זאל נישט ווערן פארפלאנטערט מיט נישט גוטע מענטשן; העלף מיר איך זאל נישט פארגעסן אז איך בין איינער אליין, איך האב קיינעם נישט נאר דיר איינציגער באשעפער".

## קיינער קוקט נישט אויף מיין זייט, ווי אזוי קען איך זיך דערהאלטן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב א פראבלעם, איך האב זיך אריבערגעצויגן מיט צוויי יאר צוריק 13 א נייע געגנט, אבער קיינער דארט איז נישט אינטערעסירט אין מיר, נישט אין גאס און נישט אין שול, קוים וואס איינער גרוסט מיר אמאל.*

*איך בין זייער א שטילער מענטש, א גרויסער ביישן, סיי פון נאטור אויס און סיי וויל מ'האט מיר אסאך צעקלאפט און צעשאסן אויף שטיקער.*

*איך בין זייער צעבראכן, ביטע העלפט מיר ארויס.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ראה, כ"ז מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

נעם די עצה פון הייליגן רבי'ן; די עצה פון התבודדות - זיך אויסרעדן צום אייבערשטן. ווען א מענטש הייבט אן רעדן צום אייבערשטן טוישט זיך אים דאס גאנצע לעבן, מען גייט ארויס פון די איינגעעסנקייט, מען קוקט אנדערש אויף דער וועלט און מען ווערט פרייליך און צופרידן.

**עס איז נישט קיין חסרון צו זיין א שעמעדיגער מענטש**

עס זאל דיר נישט שטערן אז דו ביסט א שטילער מענטש און א גרויסער ביישן, עס איז בכלל נישט קיין פראבלעם צו זיין א שטילער מענטש און עס איז נישט קיין חסרון צו זיין א שעמעדיגער מענטש; ביישנות איז א אידישע מידה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יבמות עט.) אז איינע פון די סימנים פון אידישע קינדער איז אז זיי זענען "ביישנים", שעמעדיג; נאך זאגן אונז חז"ל (נדרים כ.) אויפ'ן פסוק (שמות כ, כ): "בַּעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם", זוּ בּוּשָׁה, "לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ", - מְלַמֵּד שֶׁהַבּוּשָׁה מְבִיאָה לִידֵי יִרְאַת חֵטְא", ווער עס האט דער מידת הבושה וועט נישט קומען צו קיין זינד.

**דיין הצלחה ליגט אין דיינע הענט**

אמת, דו ביסט אריבער זייער א שווערע יוגנט; עס טוט זייער ווי צו הערן וואס דו שרייבסט אז מען האט דיר געטון, מען האט דיר אסאך צעקלאפט, צעשאסן, צעריסן און צעשמעטערט, אבער איך מוז דיר זאגן אז דיין הצלחה ליגט אין דיינע הענט. אז דו וועסט אריין נעמען אין דיר די אמונה; דו וועסט זינגען צום אייבערשטן שירות ותשבחות, אים דאנקען און לויבן, דורכדעם וועסטו ארויסגיין פון דיין איינגעעסנקייט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

**ווי אזוי קען איך זיך אויסקומען מיט מיין טאטע?**
**דער גבאי פון שול האט מיר זייער פארשעמט, זאל איך צוריקגיין אהין?**

קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**